# מיין ברודערל

דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע ליד
ליגן אין שפּייכלערס פון טרויער און פּיין.
אַ שפּייכלער אַזאַ איז אַ יעדנס געמיט
וואָס האָט זיך באַהאַפּטן מיט אונזער געוויין.
זאָל לייכטן דאָס וואָרט און דאָס ליד, וואָס באַקליידט
דאָס קינדיש געמיט מיטן חלום פון פרייד —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

די ווענט פון דער שטוב. די דחקות פון דרויסן
האָט טרויעריק געשמייכלט צו זיין זיבעטן יאָר,
אַן אומעטיק גופעלע מיט אַ קאָפּ פון אַ גרויסן
באַוואַקסן מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר.
די מאַמע ט'געזאָגט : מיין גאָלדענע קרוין,
זיי די לוין פאַר מיין צער, אויב פאַר צער קאָן זיין לוין —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.



זומער־טעג האָט ער געלאַכט. געמיינט
אַ גראָז ווערט אַ בוים. גאָט האָט אַ באָרד.
ווינטער — פאַר פראָסט און פאַר פחד געוויינט
און ליב געהאַט ס'האָלץ, וואָס וואַרעמט די שטוב.
די היימישע שטוב, ווי אַ קיילעכדיק יאָר,
האָט געצייטיקט דער צער פון דער יידישער וואָר —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

די גאַס האָט געכאַוועט. אָפט מיט גענאָד
צום בענטשן געהויבן צעמזיקטע הענט.
נאָר קללה ט'פאַרטריבן די ברכה פון גאָט.
דער גאַז האָט פאַרסמט. דאָס פייער פאַרברענט.
די מאַמע ט'געזאָגט : וואַקס ליכטיק, וואַקס גרויס.
ווי ס'ליכטיקע פענסטער פון פינצטערן הויז —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע ליד
ליגן אין שפּייכלערס פון טרויער און פּיין.
געבויגענערהייט מיט פאַרשפּעטיקטע טריט
זע, ווי ער קומט, דער נביא צוגיין
צו באַלייכטן דאָס וואָרט און דאָס ליד וואָס באַקליידט
דאָס קינדיש געמיט מיטן חלום פון פרייד —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.